בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל
מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס מ"א, חקת (קרח בחו"ל), תשע"ט

# תוכן השיעור

'בחינת רוח הקודש'

'בדחנא דמלכא'

'כבולעו כך פולטו'

'אכלה טינא באוסיה'

'תפלה מסוגל לזכרון'

'קובע מקום לתפלתו'...

'פלטין של אמת'

'חסד דאתפשט לבר'

'כי לא תשכח מפי זרעו'

'כתות כתות'...

'גדולים צדיקים במיתתן'

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 41**

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $10 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# פרשת בהר-בחקותי, תשל"ד

### - ובו שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' קנ"ו -

(טייפ מס' 34#)

## 'בחינת רוח הקודש'

(לומד בליקוטי מוהר"ן תורה קנ"ו): "**לב טהור ברא לי אלקים**", זאגט דער רבי אזוי, "כי מה שמדברים בינו לבין קונו הוא בחינת רוח הקודש",[א] די דיבורים וואס דער אויבערשטער שיקט איהם אריין אין געדאנק, א מענטש וויל רעדן צום אויבערשטן דיבורים, זאל ער זיך צוגרייטן דיבורים? אויסשטעלן דיבורים אויף א שעה צייט? ס'קומט איהם דאך אן דיבורים מלמעלה! מען שיקט איהם דאך אריין דיבורים! זאגט דער רבי - ס'איז א "בחינת רוח הקודש"!

א מענטש אז ער וויל זיך נאר אויסרעדן פאר השי"ת, שיקט מען איהם אן דיבורים - זאגט דער רבי, בחינת רוח הקודש, דיבורים פון אויבן שיקט מען איהם אריין - דיבורים!

דארף מען בעטן דעם אויבערשטן, דער אויבערשטער זאל איהם שיקן דיבורים, אבער די דיבורים וואס קומט איהם אן – איז נישט דערפאר ווייל ער גרייט זיך צו צו רעדן, ס'איז א בחינת רוח הקודש!

*

"ודוד המלך ע"ה שהיה מעלתו גדולה מאד, יסד מזה ספר תהלים", דערפון וואס ער האט זיך אויסגערעדט פאר השי"ת, דערפון איז געווארן דער ספר

---

[א] ז"ל שם: לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי וְכוּ' (תְּהִלִּים נ"א). כִּי מַה שֶּׁמְּדַבְּרִים בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, הוּא בְּחִינַת רוּחַ־הַקֹּדֶשׁ. וְדָוִד הַמֶּלֶךְ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁהָיָה מַעֲלָתוֹ גְּדוֹלָה מְאֹד, יִסֵּד מִזֶּה סֵפֶר תְּהִלִּים. וְכֵן כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ הוּא בְּחִינַת רוּחַ־הַקֹּדֶשׁ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים כ"ז): "לְךָ אָמַר לִבִּי", כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י: 'לְךָ – בִּשְׁבִילְךָ וּבִשְׁלִיחוּתְךָ', "אָמַר לִי לִבִּי". שֶׁכָּל הַדְּבָרִים שֶׁהַלֵּב אוֹמֵר, הֵם דִּבְרֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַמָּשׁ, וְהוּא בְּחִינַת רוּחַ־הַקֹּדֶשׁ...

תהלים, דער תהלים איז געווארן פון דאס וואס ער האט גערעדט "בינו לבין קונו", ס'איז רוח הקודש!

"**וכן כל אחד לפי בחינתו הוא בחינת רוח הקודש**", פון דאנעט ווייזט אויס אזוי, רוח הקודש האט אויך נישט קיין גבול, נישט ביי יעדן איינעם איז דער רוח הקודש גלייך, למשל - קענגן התגלות אליהו, "גילו אליהו", עס שטייט אין זוהר הק' אז אויב איינער איז זוכה אין זיין לעבן צו התגלות אליהו, איז עס נישט ביי יעדעם איינעם גלייך, נישט פאר יעדעם איינעם ווייזט ער זיך ארויס גלייך, די "תנאים" האבן געהאט גילו אליהו, און די "נביאים" האבן געהאט גילו אליהו, און די "אמוראים", די "רבנן סבוראי", די "ראשונים", "אחרונים", נישט ביי יעדן ווייזט זיך ארויס אליהו גלייך, ס'איז פארהאן א ניצוץ פון אליהו, און אזוי ביי יעדעם איינעם!

דער ענין דא איז אויך דאס אייגענע, דער רבי זאגט אז ס'איז רוח הקודש אז מען רעדט דיבורים צום אויבערשטן, נישט ביי יעדן איינעם איז דאס גלייך, "דוד המלך" האט גערעדט צום אויבערשטן דיבורים איז עס טאקע "רוח הקודש ממש", א העכערע רוח הקודש.

און יעדער איינער וואס ער רעדט איז עס אויך א בחינת רוח הקודש, אבער דער רוח הקודש איז נישט גלייך, אבער וויפיל דאס איז אפילו א "ריח דריח" (של רוח הקודש) איז עס אויך א גוטע זאך, איז עס אויך א זאך! אבער זיך איינרעדן אז דער רוח הקודש מיינער איז גלייך מיט דוד המלך'ס?! ס'איז טאקע א הייליגער דיבור, מען שיקט איהם אריין מן השמים א דיבור, אבער ס'איז נישט גלייך, ס'איז נישט גלייך פון דעם צו דעם!

דוד המלך - וואס פאר א צרה ער האט געהאט - איז שוין געווארן א קאפיטל תהלים! ער האט שוין גערעדט פארן אויבערשטן, ס'איז שוין געווארן א קאפיטל תהלים.

דאס איז דער תהלים וואס ס'איז פארבליבן אויף דור דורות "רוח הקודש ממש"! מען בויעט פון תהלים, חז"ל בויען א גאנצע בנין אויף א ווארט פון תהלים, א רוח הקודש ממש איז עס געווען.

אבער ס'איז דא א "בחינה", דער רבי זאגט טאקע דא "א בחינה פון רוח הקודש", א בחינה פון רוח הקודש, "כל אחד כפי בחינתו", יעדער לויט זיין בחינה איז עס א בחינת רוח הקודש, יעדער איינער ווערדליג זיין בחינה!

אה, אבער יעדער איינער דארף זיך מחיה זיין, אפילו וויפיל ס'איז, אז ס'איז נאר א בחינה פון רוח הקודש איז שוין אויך א גרויסע זאך, איז אויך א גרויסע זאך שוין!

*

אזוי ווי עס שטייט, "**לך אמר לבי**, כמו שפירש רש"י, **לך** - בשבילך ובשליחותך **אמר לי לבי**", וואס מיין הארץ זאגט מיר, איז עס "בשבילך", א שליחות פון דיר!

דער הארץ איז א שליח פונעם אויבערשטן, און זאגט מיר דיבורים, "בשבילך ובשליחותך **אמר לי לבי**, שכל הדיבורים שהלב אומר הם דברי השם יתברך ממש"! דער הארץ איז דער שליח.

"**והוא בחינת רוח הקודש**", דאס הארץ איז א שליח פונעם אויבערשטן, און גיבט מיר דיבורים צו רעדן!

*

# 'בדחנא דמלכא'

זאגט דער רבי, "**וצריך לחדש תמיד**", מען דארף תמיד באנייען זיך, "**לבקש בכל פעם בתחנונים ודברי רצויים חדשים**",[ב] מען דארף בעטן דעם אויבערשטן מען זאל האבן אלעמאל נייע דיבורים, און נייע פיוס, א מענטש האט זיך שוין דארטן

[ב] ז"ל שם: ... וְצָרִיךְ לְחַדֵּשׁ תָּמִיד, לְבַקֵּשׁ בְּכָל פַּעַם בְּתַחֲנוּנִים וְדִבְרֵי רִצּוּיִים חֲדָשִׁים. וְלִזְכּוֹת לָזֶה, צָרִיךְ טָהֳרַת הַלֵּב, וְטָהֳרַת הַלֵּב הוּא, עַל־יְדֵי שֶׁמִּתְלַהֵב וּבוֹעֵר לִבּוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עַל־יְדֵי־זֶה נִטְהָר הַלֵּב. כִּי נֶגֶד שֶׁנִּתְלַהֵב וְנִבְעַר לַעֲבֵרָה אוֹ לְתַאֲוָה רָעָה ח"ו, שֶׁמִּזֶּה נִטְמָא לִבּוֹ, נֶגֶד זֶה צָרִיךְ שֶׁיִּתְלַהֵב וְיִבְעַר לִבּוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְעַל יְדֵי זֶה יִטְהַר לִבּוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּמִדְבַּר ל"א): "כָּל דָּבָר אֲשֶׁר יָבֹא בָאֵשׁ תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ". וּכְשֶׁיֵּשׁ לוֹ טָהֳרַת הַלֵּב, אֲזַי זוֹכֶה לְדַבֵּר בְּכָל פַּעַם דִּבּוּרִים חֲדָשִׁים, שֶׁהוּא בְּחִינַת רוּחַ־הַקֹּדֶשׁ: וְזֶהוּ לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים, אֲזַי וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי, שֶׁיִּזְכֶּה לְחַדֵּשׁ דִּבּוּרִים חֲדָשִׁים, שֶׁהֵם בְּחִינַת רוּחַ־הַקֹּדֶשׁ כַּנַּ"ל...

זיינע אויסגעשטעלטע דיבורים, מער ווייניגער רעדט ער דאס אלעמאל איבער, איז אויך גוט! נאר דער אויבערשטער וויל מען זאל רעדן צו איהם "נייע דיבורים"!

אז ער וועט "וועלן" - מען רעדט דאך דא אז דער אויבערשטער שיקט איהם צו די דיבורים, אז ער וועט וועלן זיך באנייען, וועט מען איהם צושיקן נייע דיבורים!

אז ער וויל זיך באגענוגן דערמיט וואס ער האט שוין זיינע דיבורים דארט אויסגעשטעלט, ס'גייט אוועק די צייט - שוין ער איז שוין פארטיג, אבער אז ער וויל זיך "באנייען", שיקט איהם דער אויבערשטער צו נייע דיבורים! אז ער האט נייע דיבורים ווערט ער גאר אנדערש נתעורר, "א נייער דיבור"! ער האט נעכטן נישט גערעדט דעם דיבור, א נייער דיבור!

*

דער זוהר הק' רופט אן דוד המלך'ן "בדחנא דמלכא"![ג] ער איז געווען דער "בדחן" פונעם אויבערשטן! וואס איז דאס א בדחן? ס'איז געווען דארטן די תרי בדחנא וואס זענען מוכנים לעולם הבא,[ד] עס שטייט אין זוהר הק' דארטן "בדחנא", ס'איז געווען אזעלכע - דער "מליץ", דער מליץ פונעם קיסר,[ה] האט ער אזא מין סארט מליצה, וואס מיט דעם בדחנא נעמען זיי (זייערע דיבורים).[ו]

---

[ג] זוה"ק פרשת משפטים דף ק"ז ע"א, עי' ליקוטי הלכות נפילת אפים ד' אות ו'.

[ד] עי' מס' תענית דף כ"ב ע"א, עי' שיחות הר"ן אות מ"ג.

[ה] עי' סיפורי מעשיות - מעשה י"ב, מהבעל תפלה.

[ו] עי' ליקוטי הלכות הל' תפלה ד' אות ז' (המיוסד על ענין המעשה מהבעל תפלה הנ"ל): וְהִנֵּה עִנְיָן זֶה שֶׁל מַעֲלַת הַמְּלִיצָה הוּא נִצְרָךְ מְאֹד לְכָל אָדָם הֶחָפֵץ חַיִּים אֲמִתִּיִּים וְנִצְחִיִּים, הָרוֹצֶה לָגֶשֶׁת אֶל הַקֹּדֶשׁ, לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי ה' לָשׁוּב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, אֲשֶׁר הָעֵצָה הַכְּלָלִית שֶׁהוּא יְסוֹד כָּל הָעֵצוֹת הוּא הַהִתְבּוֹדְדוּת וְהַשִּׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, כַּמְבֹאָר אֶצְלֵנוּ כַּמָּה פְּעָמִים, דְּהַיְנוּ שֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ בְּכָל יוֹם לֵילֵךְ לְמָקוֹם מְיֻחָד לְהִתְבּוֹדֵד שָׁם וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, וּלְהַרְבּוֹת בִּטְעָנוֹת וְהַפְצָרוֹת וּבַקָּשׁוֹת וּפִיּוּסִים בַּלָּשׁוֹן שֶׁמְּדַבְּרִים בּוֹ, שֶׁיַּעַזְרֵהוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וִיזַכֵּהוּ לָשׁוּב מִמַּעֲשָׂיו הָרָעִים, וּלְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ וְכוּ', וּלְעִנְיָן זֶה הוּא דָּבָר גָּדוֹל עִנְיַן הַמְּלִיצָה ... כִּי כָּל זֶה נִמְשָׁךְ בְּשָׁרְשׁוֹ מִבְּחִינַת מְלִיצָה הָעֶלְיוֹנָה שֶׁמִּשָּׁם יִסֵּד דָּוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה סֵפֶר תְּהִלִּים בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ שֶׁזָּכָה עַל-יְדֵי רוּחַ קָדְשׁוֹ לִמְלִיצָה דִּקְדֻשָּׁה בֶּאֱמֶת עַד שֶׁזָּכָה שֶׁסִּפְרוֹ הַקָּדוֹשׁ סֵפֶר תְּהִלִּים כָּלוּל מִכָּל לְשׁוֹנוֹת הַמְּלִיצָה הַקְּדוֹשָׁה, וְעַל-כֵּן בֶּאֱמֶת יֵשׁ לוֹ כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לֵב הָאָדָם וּלְעוֹרֵר רַחֲמִים הָעֶלְיוֹנִים כְּשֶׁאוֹמְרִים אוֹתוֹ בְּכַוָּנַת הַלֵּב וּלְקָרֵב אֶת הָאָדָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ...

זאגט אזוי דער זוהר הק', דוד המלך איז געווען אזא מין בדחנא דמלכא, אז אפילו בשעת חטא האט ער אויך גערעדט מיט בדחנא דמלכא! ער האט געזאגט "למען תצדק בדבריך" - "איך האב געקענט עומד בנסיון זיין, וואלסטו דאך נישט געבליבן גערעכט! דו האסט דאך געזאגט אז איך וועל נישט עומד בנסיון זיין"!

זאגט דער זוהר הק' מיט דעם לשון, אפילו בשעת ער האט גערעדט פאר'ן אויבערשטן, האט ער אויך גערעדט מיט א בדחנא דמלכא, אזוי ווי א בדחן רעדט, "למען תצדק בדבריך" - "דו זאלסט בלייבן גערעכט! איך וואלט ווען געקענט עומד בנסיון זיין, וואלסטו דאך נישט בלייבן גערעכט, האב איך געוויזן אז דו ביסט געבליבן גערעכט"! זאגט דער זוהר הק', אפילו בשעת ער האט געזאגט דעם חטא, האט ער אויך געווען א בדחנא דמלכא!

*

דער אויבערשטער וויל מען זאל רעדן צו איהם נייע דיבורים! נאר דער רבי זאגט דאך אז דאס איז א רוח הקודש - אז מען שיקט איהם פון אויבן דיבורים!

נאר וואס דען, ס'איז אזוי - אז איך "וויל" שיקט מען מיר צו, אז איך וויל מיר באגענוגן מיט דעם וואס ס'איז געווען נעכטן און פאר דריי יאר, איז "נאדיר, האסטו דיינס, רעד אפ"! אפילו טויזנט מאל זאגן "רבונו של עולם" איז אויך גוט![ז] אבער אז ער וויל טאקע רעדן נייע דיבורים - "וצריך לחדש", מחדש זיין תמיד בכל פעם, העלפט מען איהם פון אויבן אז ער האט טאקע נייע דיבורים!

*

דאס אייגענע איז אזוי, אז ער דאווענט "שמונה עשרה", ער זאגט די ווערטער "השיבנו אבינו לתורתיך", אז ער וויל טאקע נייע דיבורים, ער וויל ס'זאל זיין מיט א נייעס, פילט ער טאקע א נייע התחדשות, פילט ער טאקע א נייע דאווענען, "השיבנו אבינו לתורתיך"! און אז נישט, גיבט מען נישט! וויאזוי דו ווילסט - אזוי העלפט איהם דער אויבערשטער! אז דו ווילסט טאקע.

[ז] עי' אבני"ה ברזל - שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת ז"ל אות א'.

נאר וואס דען - דער רבי זאגט אבער אז דער אויבערשטער וויל א "בטיחות",[ח] אז איך וויל באמת, "איך זאג איך וויל", איך זאג איך וויל, שוין, מיט וואס וייס איך אז דו ווילסט טאקע? איך וויל זעהן ביי דיר באמת אז דו ווילסט טאקע! אז ער וויל טאקע דאווענען אלעמאל ביי א נייעס, ער וויל טאקע זאגן די ברכה מיט א נייעס, (איך וויל זעהן אז) דו ווילסט טאקע!

אז מען וויל טאקע - דער אויבערשטער איז דאך "מקור האמת", שיקט ער איהם טאקע צו "נייעס", נייע דיבורים רעדן צום אויבערשטן, וואס דו האסט נעכטן נישט גערעדט, נייע דיבורים!

*

# 'כבולעו כך פולטו'

"ולזכות לזה, צריך טהרת הלב", דאס הייסט, האבן אלע מאל נייע דיבורים דארף מען האבן טהרת הלב, א ריין הארץ! מען בעהט דאך דעם אויבערשטן "וטהר לבנו", און טהרת הלב זאגט דער רבי - "הוא על ידי שמתלהב ובוער לבו להשם יתברך", אזוי ווי א מענטש וויל רייניגן א זאך, דער זאך דארף האבן "ליבון" - אויסגליען די זאך, מיט א ברענונג, מיט א פייער גליעט מען אויס די זאך, איז דער זאך ריין! פריער איז דער זאך געווען נישט ריין, מען האט דער זאך נישט געטארט נוצן, מיט א פייער ברען איך זי אויס און זי ווערט ריין!

דאס איז אויך דאס אייגענע, דאס הארץ דארף ווערן ריין, צו האבן א טהרת הלב דארף מען האבן א התלהבות, די התלהבות איז אזוי ווי א מין "ליבון", מיט אן התלהבות, מיט א ברען, ברען איך עס איבער! פארוואס איז דאס הארץ נישט ריין? עס ליגט נאך די נארישקייט, די תאוות לבו ליגן נאך אין הארץ, איז דאס הארץ נישט ריין! דאס דארף מען איבערברענען, אזוי ווי מען מאכט א ליבון!

זאגט דער רבי "על ידי שמתלהב ובוער לבו להשם יתברך", דאס הארץ ברענט צום אויבערשטן, "על ידי זה נטהר הלב", ווערט דאס הארץ ריין.

[ח] עי' ספר המדות ערך תשובה אות ע"ו.

**"כי נגד שנתלהב ונבער לעבירה או לתאוה רעה ח"ו, שמזה נטמא לבו, נגד זה צריך שיתלהב ויבער לבו להשם יתברך"**, אין די הלכה איז "כבולעו כך פולטו", אויב איז די בליעה געווען דורך א קדירה מיט וואסער - איז גענוג "הגעלה", אז די בליעה איז געווען דורך א טרוקענע זאך - דארף מען האבן "ליבון".

דאס איז אויך דאס אייגענע - מיט וואס איז געווארן מיין הארץ פארשטאפט? און ס'איז נישט אזוי ריין? מיט תאוות, מיט א ברענונג, איז עס געווארן פארשטאפט! אז איך וויל עס רייניגן דארף איך עס אויך רייניגן מיט א ברענונג! "כבולעו כך פולטו", אזוי ווי ס'האט בולע געווען די נארישקייטן אין דיר דורך א חמימות, דארף עס ארויס אויך מיט א חמימות! דארף מען האבן א "התלהבות הלב".

דא זאגט דער רבי בפירוש אזוי, "כי נגד שנתלהב ונבער לעבירה או לתאווה רעה ח"ו, שמזה נטמא לבו, נגד זה צריך שיתלהב ויבער לבו להשם יתברך", ממש אזוי ווי "כבולעו כך פולטו", אזוי ווי ס'איז בולע - אזוי דארף עס ארויס שפייען קריק! אז בולע געווען האט עס בולע געווען מיט א ברענונג, און דו ווילסט מאכן א הגעלה מיט קאלטע וואסער, העלפט נישט די הגעלה, אז ס'איז געווען א בליעה מיט א "חמימות" דארף זיין די הגעלה אויך מיט א "חמימות"! אוי אוי אוי, א ליבון, א ליבון! נגד זה צריך שיתלהב ויבער לבו להשם יתברך!

**"ועל ידי זה יטהר לבו, כמו שכתוב 'כל דבר אשר יבא באש תעבירו באש'"**, איז בפירוש אזוי, דערפון לערנט די גמרא דארטן "כבלעו כך פולטו", "כל דבר אשר יבא באש תעבירו באש", ס'דארף זיין ליבון!

אז די זאך איז געווארן דורך וואסער, א תבשיל, איז גענוג די הגעלה אויך דורך וואסער, הייסע קאכעדיגע וואסער, אבער אז די זאך איז געווארן דורך "אש", פייער אליין, צלי, א שפיז, דארטן העלפט נישט קיין הגעלה, דארטן דארף זיין ליבון, פייער אליין!

דער מענטש ווייסט דאך ביי זיך זיין גודל החמימות וואס איז דא אין איהם, ער ווייסט עס דאך ביי זיך אליין, דארף ער וויסן וויפיל דארף ער ארויסגעבן א חמימות צום אויבערשטן, א חמימות מיט דיבורים!

*

דער רבי זאגט אין די תורה פון ט' תיקונים,[ט] רעדט דער רבי דארט אז ער זאל רעדן "יכמרו רחמיו", דער אויבערשטער איז איהם ממשיך "דיבורים חמים כגחלי אש"! ווייזט אזוי אויס - איך דארף האבן דיבורים חמים, דיבורים קרים העלפן מיר נישט, איך דארף האבן דיבורים חמים, איך דארף איבערברענען, און אז איך האב נישט קיין דיבורים חמים, זאל ער רעדן און רעדן און רעדן, ווערט אויבן "נכמרו רחמי השם יתברך" און איז אויף איהם ממשיך דיבורים חמים!

דער אויבערשטער ווייסט דאך אז ער דארף האבן דיבורים חמים, און ער האט זיי נישט, אבער אז ער איז אן עקשן, ער רעדט און רעדט און רעדט, שענקט מען איהם דיבורים חמים, ווערט נכמרו רחמי השם יתברך, דער אויבערשטער איז אויף איהם ממשיך דיבורים חמים, אזוי זאגט דער רבי אין די תורה ט' תיקונים, תורה כ'.

אה, זאגט דער רבי אזוי דארט, אין סעיף ב', "צריך מתחלה להמשיך לעצמו דיבורים חמים כגחלי אש", זאגט ווייטער דער רבי דארטן "וצריך לשפוך שיחו בתפלה לפני השם יתברך", וויאזוי ער רעדט, "ועל ידי תפלתו נכמרו רחמי השם יתברך עליו, ונפתח לב העליון"! ווערט שוין דיבורים חמים!

איז א בפירוש'ע ראיה דערפון, אז דער מענטש דארף האבן "דיבורים חמים כגחלי אש", און אז ער האט זיי נישט - זאל ער רעדן און רעדן און רעדן, זעהט דער אויבערשטער אז ער מוז דאך האבן דיבורים חמים, שענקט ער איהם דיבורים חמים, ווערט נכמרו רחמי השם יתברך, און געבט איהם דיבורים חמים! אלעס - אז מען איז אן עקשן אינעם רעדן! "דיבורים חמים ממש" אזוי ווי מען מאכט ליבון, מען גליעט איבער, ס'קאכט זיך איבער און ס'ווערט ריין, אז ס'ווערט ריין דעמאלטס איז שוין דא א "התלהבות בחינת רוח הקודש"!

*

[ט] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ' אות ב': וּמִי שֶׁרוֹצֶה לְהַמְשִׁיךְ בֵּאוּרֵי הַתּוֹרָה, צָרִיךְ מִתְּחִלָּה לְהַמְשִׁיךְ לְעַצְמוֹ דִּבּוּרִים חַמִּים כְּגַחֲלֵי־אֵשׁ כַּנַּ"ל, וְהַדִּבּוּר נִמְשָׁךְ מִלֵּב הָעֶלְיוֹן, בְּחִינַת "צוּר לְבָבִי". וְצָרִיךְ לִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ בִּתְפִלָּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְעַל־יְדֵי תְּפִלָּתוֹ נִכְמְרוּ רַחֲמֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עָלָיו, וְנִפְתָּח לֵב הָעֶלְיוֹן וכו'.

# 'אכלה טינא באוסיה'

די אלע צדיקים, זיי האבן געהאלטן ביי רוח הקודש, זיי האבן געהאט א טהרת לב, ביי זיי איז געווען א ריין הארץ, א ריין הארץ - זאגט דער רבי איז דא "נייע דיבורים", איז דא א "בחינת רוח הקודש".

דער אויבערשטער שענקט "מתנות"! דער רבי זאגט אין די תורה ד',[י] "א מענטש ווערט אמאל נתלהב אינמיטן דאווענען, דאס איז פון אויבן, מען שענקט איהם פון אויבן", "**וזה שאנו רואים שלפעמים נתלהב אדם בתוך התפלה ואומר כמה תיבות בהתלהבות גדול, זה בחמלת השם עליו**"!

"בחמלת השם עליו", מען זאל נישט מיינען אז דאס איז מיינס, בחמלת ה' עליו! "**שנפתח לו אור אין סוף**"! מען האט איהם געמאכט לעכטיג, "א מענטש אז ער זעהט דאס שיין, כאטש ער זעהט נישט, אבער זיין מזל זעהט דאך יא, ווערט באלד נתלהב זיין נשמה מיט א דביקות גדול, און ווענדליג דער שיעור פון דעם התגלות אזוי פיל ווערטער רעדט ער צום אויבערשטן"! (שם בתורה ד')

אלס דער אויבערשטער שענקט איהם א מתנה, 'בחמלת השם'!

*

דא (באמצע תורה ד') זאגט דער רבי אזוי, און ביים אויסטייטש טייטשט דער רבי אזוי אויס, אז דער מענטש ווערט נתעורר, און ס'איז איהם מבלבל א "שרץ בתפילתו", דער רבי דערמאנט עס נישט פריער, נאר ביים אויסטייטש ווען דער רבי טייטשט אויס דעם רבה בר בר חנא, זאגט דער רבי "**אכלה טינא באוסיה**",[יא] ס'האט זיך

---

[י] ליקוטי מוהר"ן תו' ד' אות ט': וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים, שֶׁלִּפְעָמִים נִתְלַהֵב אָדָם בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה וְאוֹמֵר כַּמָּה תֵּבוֹת בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, זֶה בְּחֶמְלַת ה' עָלָיו, שֶׁנִּפְתַּח לוֹ אוֹר אֵין סוֹף וְהֵאִיר לוֹ. וּכְשֶׁרוֹאֶה אָדָם הַהִתְנוֹצְצוּת הַזֹּאת, אַף־עַל־גַּב דְּאִיהוּ לָא חָזֵי מַזְלֵיהּ חָזֵי, תֵּכֶף נִתְלַהֵב נִשְׁמָתוֹ לְדְבֵקוּת גָּדוֹל, לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּאוֹר אֵין סוֹף וכו'.

[יא] שם בסוף התו': וְזֶה פֵּרוּשׁ אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה, זִימְנָא חֲדָא הֲוָה קָאָזְלִינָן בִּסְפִינְתָּא, וַחֲזֵינָן הַהוּא כַּוְרָא דְּיַתְבָא לֵיהּ אָכְלָה טִינָא בְּאוּסְיֵהּ וכו', (רַשְׁבַּ"ם: כַּוְרָא - דָּג. אָכְלָא טִינָא - שֶׁרֶץ קָטָן. בְּאוּסְיֵהּ - בִּנְחִירָיו שֶׁל דָּג נִכְנַס הַשֶּׁרֶץ) וכו', פֵּרוּשׁ וכו', דְּיַתְבֵי לֵיהּ אָכְלָא טִינָא בִּנְחִירָיו – זֶה בְּחִינַת תְּפִלָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ". שֶׁנִּתְעָרֵב שֶׁרֶץ, הַיְנוּ טֻמְאָה בִּתְפִלָּתוֹ וַעֲבוֹדָתוֹ וּבִלְבֵּל

איהם ארייגעזעצט א "שרץ קטן בנחיריו", נחיריו מיינט מען די "תפילה", ס'האט איהם זיך ארייגעזעצט א "טומאה בתפילתו" דאס איז א "שרץ קטן".

**"ולא היה יכול איש הישראלי הזה לעבוד עבודתו תמה. מה עשה האיש הזה"**, ס'איז איהם אריין א שרץ קטן בתפילתו, ער לאזט איהם נישט דאווענען, האט ער געטוהן די "דריי זאכן": התקרבות צום צדיק, און צדקה, און וידוי דברים!

ס'האט איהם אריין א "שרץ קטן באוסיה" - מיינט מען די תפילה, "מה עשה האיש" – וואס האט דער מענטש געטוהן? ער האט געטאהן מיט די דריי זאכן: ראיית פני הצדיק – התקרבות, און צדקה, און וידוי דברים! גענומען האט עס זיך דערפון וואס ס'האט איהם מבלבל געווען דער "שרץ קטן"!

דער שרץ קטן קריכט צו יעדן איינעם, איהם האט מבלבל געווען די שרץ קטן, ס'איז איהם מבלבל! ער האט בלבולים פון איהם, ער קען נישטליידן דעם שרץ קטן!

שרץ קטן – זאגט דער רבי, ס'איז נישט אזא גרויסע טומאה, שרץ קטן! אבער א טומאה איז דאך עס, ס'איז דאך א טומאה, וואס האט דער מענטש געטוהן? "מה עשה האיש הזה"?!

יעדער איינער האט די בלבולים, אבער ס'איז איהם נישט מבלבל אז ער זאל זיך אוועקלייגן אזוי פיל, מען זאל רייסן שטיקער, "מה עשה האיש הזה"! איי איי איי.

אוודאי, וידוי דברים פארן אויבערשטן - אז מען קען נישט דאווענען! ער האט בלבולים ביים דאווענען, אלס אויסרעדן פאר השי"ת, ער קען נישט דאווענען! דארף מען דערציילן דעם אויבערשטן, ביי די ברכה קומט אריין די בלבול, אלעס, "אשפוך לפניו שיחי", דער אויבערשטער האט א געוואלדיגע נחת רוח דערפון, אז ער רעדט אלדינגס ארויס!

דעמאלטס וועט ער שוין האבן דיבורים צו רעדן אויך, אז ער וועט אלס דערציילן צום אויבערשטן וועט ער שוין האבן דיבורים אויך!

בכלל איז "בכלל", אבער בפרט איז "בפרט", ארויסרעדן בפרט יעדער זאך פאר השם יתברך, הייסט עס בפרט!

---

אוֹתוֹ, וְלֹא הָיָה יָכוֹל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הַזֶּה לַעֲבֹד עֲבוֹדָתוֹ תַּמָּה. מֶה עָשָׂה הָאִישׁ הַזֶּה? עָשָׂה שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת הַנַּ"ל, הַיְנוּ הִתְקַשְּׁרוּת לְהַצַּדִּיק וּנְתִינַת הַצְּדָקָה וּוִדּוּי דְּבָרִים וכו'.

*

# 'תפלה מסוגל לזכרון'

(ר' יוחנן גלנט ז"ל: פון וואנעט קען ער געדענקען - כל פרט בעת ההתבודדות?) **דער** אויבערשטער האט אויף איהם רחמנות, ער שיקט איהם צו א זכרון! אויך "תפילה מסוגל לזכרון",[יב] ער באקומט א זכרון אויך, א מתנה פונעם אויבערשטן - ער שיקט איהם צו א זכרון אויך!

אז דער מענטש רייסט זיך, זעהט מען מלמעלה וואס ער דארף האבן, וואס ער דארף האבן שענקט מען איהם, אז ער דארף האבן דיבורים חמים - שענקט מען איהם דיבורים חמים, ער דארף געדענקען - שיקט מען איהם א זכרון, אלס אז ער מיינט מיט אן אמת, ער וויל זיך באמת אומקערן צום אויבערשטן, און באמת פארלאזן די אלע נארישקייטן, און ער רעדט און ער רעדט - שענקט מען איהם מתנות פון אויבן!

נאר פון אויבן שענקט מען נישט קיין מתנות - סיידן מען פריווט פון פריער צו ער מיינט מיט אמת! דער רבי זאגט אז דער עיקר איז אויבן דער חשיבות נאר "אמת", ער מיינט מיט א אמת "**באיזה מדריגה נמוכה שהוא**"![יג] וויאזוי ער איז, אז ער מיינט מיט אן אמת דעמאלטס העלפט מען איהם פון אויבן, העלפט מען איהם צו!

נאר בעטן דעם אויבערשטן אז וואס מען טוהט זאל זיין מיט אמת, תורה תפילה מצוות ומעשים טובים - אלעס זאל זיין מיט אן אמת.

(אז ער מיינט) מיט אן אמת, ער ציעט זיך צו אמת, און מען ווייסט פון אויבן אז איהם פעלט די זאך, און איהם פעלט די זאך, שענקט מען איהם א מתנה - ער דערמאנט זיך! מען דערמאנט איהם אז דאס פעלט דיר דאך אויך!

*

---

[יב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ז' בסופו.

[יג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קי"ב.

"כל דבר אשר יבא באש" – זאגט דער רבי - "תעבירו באש", אז ס'גייט אריין מיט א חמימות, די תאווה איז ארייגעגאנגען מיט א פייער אין הארץ אריין - אוועקגיין דארף אויך אוועקגיין דורך פייער!

און אז ער האט טהרת הלב, אזוי איז ער זוכה "לדבר בכל פעם דיבורים חדשים", האט ער שוין נייע דיבורים, "שהוא בחינת רוח הקודש".

"**וזה בחינת לב טהור ברא לי אלקים**", באשאף מיר - גיב מיר א לב טהור, "**אזי ורוח נכון חדש בקרבי**", וועט ער זוכה זיין "**לחדש דיבורים חדשים שהם בחינת רוח הקודש**"!

דער אויבערשטער וויל מען זאל אלעס רעדן פאר איהם, אלעס ארויסרעדן פאר איהם, אזוי ווי פאר אן אמת'ן גוטן פריינד![יד]

*

דער ענין פון התבודדות דארף מען אויך רעדן - וואס הייסט התבודדות! "התבודדות" הייסט, אלסדינגס דערציילן דעם אויבערשטן, אלעס וואס ס'איז איהם מבלבל, וואס קיין (פרעמדער) מענטש טאר נישט וויסן, "**אשרי נשוי פשע כסוי חטאה**",[טו] פאר א מענטש טאר ער נישט ארויסרעדן, אויב פאר א מענטש רעדט ער הייסט ער גאר א "חצוף", אבער פאר'ן אויבערשטן דארף מען אלסדינגס ארויסרעדן, אלעס! אלע בלבולים! דאס איז דער ריכטיגער התבודדות.

און בעהטן דעם אויבערשטן אז ער זאל עס שוין מער נישט טוהן, דאס הייסט התבודדות! "לפרש לפניו כל לבו"![טז]

*

(השואל: פאר'ן אויבערשטן דארף מען אלעמאל רעדן דאס אייגענע?) **עס שטייט אז דער מענטש ווייסט זיכער – למשל ביי יום כיפור - אז דער פגם וואס ער האט פאר א יאר**

---

[יד] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ד'.

[טו] עי' ברכות דף ל"ד ע"ב.

[טז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' כ"ה; ... **וְאֶת כָּל אֲשֶׁר עִם לְבָבוֹ יָשִׂיחַ וִיסַפֵּר לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, הֵן חֲרָטָה וּתְשׁוּבָה עַל הֶעָבָר, וְהֵן בַּקָּשַׁת תַּחֲנוּנִים לִזְכּוֹת לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ מֵהַיּוֹם וּלְהַלְאָה בֶּאֱמֶת, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כָּל חַד לְפוּם דַּרְגֵּהּ...**

גערעדט האט ער דאס יאר נישט געהאט, דארף ער שוין מער נישט רעדן! (לומר וידוי על זה).[יז] אבער אז ער ווייסט נישט זיכער, זאל ער יא רעדן, ער ווייסט דאך נישט זיכער אז ער האט שוין דעם פגם נישט געהאט!

(אחד הנוכחים: אף על פי כן שטייט אז מען קען זאגן נאכאמאל די זעלבע),[יח] יא יא, עס שטייט אז מען קען, מען מעג יא זאגן, אבער אפילו די וואס האלטן אז נישט, אבער אז ער ווייסט נישט זיכער אז ער האט עס מער נישט, מעג איך אוודאי זאגן נאכאמאל!

מיר רעדן דאך דא פון קוקן, און טראכטן, און רעדן, געוואלד! דאס מעג איך אוודאי זאגן אלעמאל, געוואלד, מען זאגט דאך, "על חטא שחטאנו לפניך בעיניים רמות", דארטן איז - דער על חטא איז א לשון פאר א יעדן איינעם גלייך, "על חטא שחטאנו לפניך בעיניים רמות", קומט אויס ווי אזוי זאג איך אלע יאר "בעיניים רמות" טאמער האב איך שוין היינטיגעס יאר נישט? דער תירוץ איז, אז מען קען יא זאגן "בעיניים רמות"! "בעזות מצח"! (שהוא ענין כללי הנוגע לכל אחד כפי מדרגתו).

(אחד הנוכחים: דער רבי זאגט "תשובה על תשובה", יעדער "חטאתי עוויתי פשעתי" דארף מען זאגן נאכאמאל), ניין, טאקע פשוט "עיניים רמות", "עיניים רמות" פשוט, "עיניים רמות, עזות מצח", געהאט עזות פאר'ן אויבערשטן!

דאס איז אויך א לימוד, ער זאל ארומרעדן דעם ענין פון התבודדות, ווי אזוי מען דארף רעדן פאר'ן אויבערשטן! וויאזוי מען דארף אלעס דערציילן דעם אויבערשטן!

*

# 'קובע מקום לתפלתו'...

(השואל: ס'איז דא א ענין דווקא שטיין זיצן אויף איין פלאץ?), וואס עפעס? שטיין דארף מען?! עס שטייט "וישב דוד לפני ה'",[יט] דוד האט זיך אוועקגעזעצט פארן אויבערשטן!

---

[יז] מס' יומא דף פ"ו ע"ב.

[יח] עי' שו"ע או"ח סי' תר"ז ס"ד.

[יט] שמואל-ב' ז' י"ח.

(השואל: ס'איז דא אנדערע וואס זאגן אז דרייען זיך איז נישט גוט?), שוין, הער זיך איין, די זאך איז אזוי, ווי איינעם איז בעסער, איינעם איז בעסער שטיין זאל ער שטיין, איינעם איז בעסער גיין זאל ער גיין, איינעם איז בעסער זיצן זאל ער זיצן!

ווי איינער, אלס - מאכן זיך בעסער! אלס ס'זאל איהם זיין בעסער צו טוהן די זאך וואס ער דארף טוהן! שטיין? וואו שטייט אז מען דארף שטיין? ביי 'ברוך שאמר' דארף מען שטיין, ביי 'ויברך דוד' דארף מען שטיין, ביי 'אז ישיר', ביי 'שטילע שמונה עשרה' דארף מען שטיין, ביי 'ישתבח' און ביי 'ויהי רחום', דארטן זאכן וואס מען דארף שטיין, ווייטער דארטן ווי מען מעג זיצן - מעג איך זיצן!

אז איך וועל זיצן וועל איך האבן מער ישוב הדעת - איז אוודאי בעסער איך זאל זיצן!

*

(השואל: ס'איז דא אזעלכע וואס זאגן אז אויב מען גייט חוץ לישוב און מען האט נישט קיין ישוב הדעת, איז בעסער נישט גיין, נאר בעסער זיין אין שטוב!), מען קען נישט זאגן קיינעם קיין דיעות! עס שטייט, אפילו ביי מצות סוכה האבן מיר געלערנט נעכטן די גמרא, "לערנען" - אזוי זאל ער לערנען אין סוכה, נאר טאמער דארף ער האבן "עיון" און ס'איז איהם שווער צו האבן אין סוכה - זאל ער לערנען אין שטוב, "בר ממטללתא", א עיון עמוק זאגט ער איז איהם שווער אין די סוכה, זאל ער לערנען בר ממטללתא![כ] צו ס'איז (שווער) די סוכה ווייל ס'איז קאלט, צו ער האט נישט דארטן (די ספרים).

זעהען מיר דאך אלס ארויס אז די חז"ל האבן אלס געזאגט יעדן איינעם - נישט געמאכט קיין שוועריגקייטן, וואו ס'איז פאר דיר בעסער אין אידישקייט אזוי זאלסטו טוהן, חוץ קיין עבירה נישט![כא] נישט טשעפענען דעם שלחן ערוך! וואס ס'איז פאר דיר בעסער די עצה, זאלסטו זיך מאכן גוט!

*

---

[כ] עי' סוכה דף כ"ח ע"ב.

[כא] עי' שיחות הר"ן אות רס"ט: לְעִנְיַן הַבִּלְבּוּלִים שֶׁמְּבַלְבְּלִים אֶת הָאָדָם בַּעֲבוֹדָתוֹ, שֶׁלִּפְעָמִים נִדְמֶה שֶׁכָּךְ הוּא צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת וּלְהִתְנַהֵג, וְאַחַר כָּךְ נִדְמֶה לוֹ שֶׁלֹּא כֵּן הָיָה צָרִיךְ לְהִתְנַהֵג רַק בְּדֶרֶךְ אַחֵר וְכוּ', וְלִפְעָמִים יֵשׁ לְהָאָדָם בִּלְבּוּלִים גְּדוֹלִים מִזֶּה. עָנָה וְאָמַר: מַה צְּרִיכִין לְהִתְבַּלְבֵּל, אֵיךְ שֶׁעוֹשִׂין - עוֹשִׂין וּבִלְבַד שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹת רַע ח"ו. וְוִיא מֶען טִיט, טִיט מֶען. אַבִּיא מֶעטִיט נִיט קַיין שְׁלֶעכְץ חַס וְשָׁלוֹם.

(כאן חסר קצת, כנראה מדברים מענין הסכנה לילך יחידי מחוץ ליישוב) - **אז ער איז אָן תורה איז דער שכינה נישט מיט איהם, איז ער אין א סכנה, אבער אז ער לערנט תורה איז דאך דער שכינה מיט איהם, איז ער שוין נישט איינער אליין!**

(אחד שואל: דער טשעהרינער רב אין "דרך חסידים" ברענגט ער פונעם בעל שם, אז מען זאל נישט גיין אויף התבודדות אליין, נאר מיט נאך איינעם, נאר פון רבי'ן ווייזט אוים פארקערט, וואס מער יחידי איז בעסער),[כב] **פון דארטן איז אויך נישט קיין ראיה אז ער מיינט אזוי, קען זיין זיי זאלן גיין צוזאמען און נאכדעם זיך צושפרייטן, דער דא, דער דא!**

(השואל: מען זעהט ר' אברהם ר' נחמן'ס - אלעמאל וואס מער אליין), **ער איז דאך א גאנצע וואך געווען - א גאנצע וואך אוועקגעגאנגען, פון מוצאי שבת ביז פרייטאג פארנאכט'ס, א גאנצע וואך געווען אפגעזונדערט פון מענטשן, א גאנצע וואך! דארטן איז ער דאך געווים געווען איינער אליין, און ער האט גוט געוואוסט פון דעם, ער האט דארטן געזעהן שוין אז ער זאל נישט זיין אליין, ער האט שוין געזעהן אז ער זאל נישט זיין אליין.**

**דער רבי זאגט טאקע אויף די שלאפן, זאגט דער רבי אויך אין תורה ל"ה, אז מ'דארף האבן א שמירה - די אמונה! אלע שמירות האט ער געהאט!** (היינו כנ"ל, מכיון שהיה דבוק בכל עת בתורה ובעבודת השם), **אלע שמירות האט ער געהאט אין זיך!**

**ווידער - איך וויים נישט! איך וויים נישט וואס צו ענטפערן דיר! דאס וויים איך אז ער איז אוועקגעגאנגען, יארן איז אזוי געווען - פלעגט זי זאגן די שוועסטער, יארן איז ער אוועקגעגאנגען מוצאי שבת און געקומען פרייטאג פאר נאכט!**

**קען זיין ס'איז שוין דארטן געווען עמיצער, און יענער איז אויך געווען א הצנע לכת, איך וויים נישט, איך זאג נישט אז ס'איז אזוי געוועזן, ס'קען זיין, ס'קען זיין! אויב ס'איז נישט געווען - מקיים צו זיין די מאמרי חז"ל מען זאל נישט גיין איינער אליין נאר בפועל ממש מקיים זיין, האט ער מסתם מקיים געווען! האט ער געהאט מסתם נאך איינעם, אפשר איז דא אנדערע עצות, וויים איך נישט, קען זיין.**

*

[כב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' נ"ב.

# 'פלטין של אמת'

(השואל: וואס האט ער זיך געפריידט אזוי שטארק אז וועלוול איז געקומען?)[כג] ער האט מיט וועמען צו רעדן! וועלוול איז געווען א תלמיד חכם, האט ער געהאט מיט וועמען צו רעדן!

ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט רעדן דארטן זיינע השגות, האט ער געזעהן ווער ס'איז דא, טאמער איז געווען די פראסטע בחורים, האט ר' אברהם טאקע נישט גערעדט! טאמער האט ער געזעהן אז ס'איז עמיצער דא, האט ער אנגעהויבן צו רעדן חידושי אורייתא!

(השואל: ער פלעגט רעדן בעיקר גדלות פון רבי'ן?) ער האט גערעדט, ער האט גערעדט, ס'איז געווען גוט, ס'איז געווען גוט! מיר רעדן נישט קיין שום השגות, מיר רעדן נאר אזוי די גרויסקייט פון רבי'ן וואס מער, השגות דארף מען טאקע מורא האבן צו רעדן טאקע, "כי יעקב בחר לו י-ה ישראל לסגולתו"![כד] אבער אזוי רעדן פון רבי'ן - וואס שטייט דא און שטייט דארטן, מען זאגט נישט קיין אייגענע השגות.

פון רבי'ן ווייזט אויס טאקע אז ער מיינט טאקע אייגענע השגות, אייגענע השגות איז נאר "ישראל - לי ראש", אין תורה כ"א, אבער אז איך רעדט פונעם רבי'ן, ס'איז נישט מיין אייגענע זאכן, טאר מען נישט רעדן?! "כי יעקב" - זאגט דער רבי, דער בחינה פון "יעקב" איז דער אויבערשטער "בחר לו", אבער "ישראל" איז שוין "לסגולתו, לי - ראש"!

*

---

[כג] א' מחשובי אנ"ש באומאן.

[כד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"א אות ח': וּמִי שֶׁתּוֹרָתוֹ בְּלֹא הֲבָנָה בָּהּ שׁוּם חִדּוּשׁ, אֵין לִדְרֹשׁ אוֹתָהּ לָרַבִּים ... כִּי אֵין לִדְרֹשׁ אֶלָּא דְּבָרִים הַמְבֹרָרִים, כְּמַאֲמַר: "אֱמֹר לַחָכְמָה אֲחֹתִי אָתְּ" 'אִם בָּרוּר לְךָ הַדָּבָר כַּאֲחוֹתְךָ שֶׁהִיא אֲסוּרָה לְךָ, אֱמֹר, וְאִם לָאו, אַל תֹּאמְרֵהוּ'. וְזֶהוּ: כִּי יַעֲקֹב בָּחַר לוֹ יָהּ, כְּשֶׁהִיא בִּבְחִינַת יַעֲקֹב בִּבְחִינַת עִבּוּר בְּלֹא מֹחִין זֹאת הַלִּמּוּד בָּחַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, בִּבְחִינַת "וְדִגְלוֹ עָלַי אַהֲבָה", וְאֵין לִדְרֹשׁ אוֹתָהּ לָרַבִּים. אֲבָל יִשְׂרָאֵל לִסְגֻלָּתוֹ; יִשְׂרָאֵל – אוֹתִיּוֹת לִי רֹאשׁ, הַיְנוּ הִתְגַּלּוּת הַמֹּחִין ... לִסְגֻלָּתוֹ זֹאת הַתּוֹרָה יָכוֹל לִדְרֹשׁ אוֹתָהּ לָרַבִּים...

מיר שטייען אין א "**פלטין של אמת**",[כה] אין א פלטין פון זייער גרויסע רייכקייטן, זייער גרויסע רפואות, און מיר נעמען זייער ווינציג די רפואות, מיר קענען נעמען מער! און ס'קאסט נישט קיין סאך געלט, וויפיל דו ווילסט קענסטו לייען, אז מען וויל נאר אפצאלן, מען צאלט אפ צוביסלעך צוביסלעך, מען בארגט, מען בארגט![כו]

*

# 'חסד דאתפשט לבר'

פארוואס האט רבי שמעון בן יוחאי אזויפיל מצליח געווען אין זיין זאך? ווייל זיינע תלמידים האבן געהאט א געוואלדיגע אהבה צווישן זיי![כז]

דער רבי ר' זושא איז געווען אמאל ביים רבי'ן רבי אלימלך, ער איז דאך געווען א ברודער, האט ער איהם געפרעגט, "זאגט מיר נאר מיילעך, טוהסט אזעלכע גרויסקייטן, אזעלכע מופתים טוהט זיך, געוואלד אזעלכע זאכן"?! האט ער געענטפערט, "**צווישן מיינע לייט איז א גרויסע אהבה, דערפאר קען איך טוהן אזעלכע גרויסע זאכן**"![כח] (אמר לו ר' זושא): "אמת, דאס איז טאקע אזוי"! האט רבי ר' זושא מצדיק געווען, אז ס'איז טאקע אזוי!

וואס רבי שמעון האט אזוי מצליח געווען - ווייל א געוואלדיגע אהבה איז געווען צווישן זיינע מענטשן!

אז מען וויל מצליח זיין - דארף זיין אהבה, צווישן חברים - אהבה, א געוואלדיגע אהבה, דעמאלטס איז מען מצליח! ס'זאל נישט זיין קיין שום - אז ער האט נאך עפעס, שוין זעהן ארויסרעדן, ס'זאל שוין ווערן צונישט, ס'זאל נישט בלייבן קיין שום "רשימו", ס'זאל נישט בלייבן עפעס, פון עפעס א "טינא"!

---

[כה] עי' עלים לתרופה מכתב י"ד; מַה אֹמַר לְךָ אָחִי, מְעַט אַתָּה יוֹדֵעַ אֲשֶׁר בִּלְבָבִי, יוֹתֵר מִזֶּה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב, אִם תִּרְצֶה נְקֻדַּת הָאֱמֶת, אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַכָּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תַּחְפְּשֶׂנָּה, תְּבַקֵּשׁ הָאֱמֶת בְּהַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת, הַנִּבְנֶה עַל יְדֵי אַנְשֵׁי אֱמֶת, עַל יְדֵי בַּעַל אֱמֶת, אָז תָּבִין יִרְאַת ה' וְדַעַת אֱלֹקִים תִּמְצָא. וּבְוַדַּאי אַתָּה יוֹדֵעַ וּמֵבִין אֶת אֲשֶׁר אֲנִי מְרַמֵּז לְךָ, כִּי עִנְיַן הַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת מְבֹאָר מְעַט בְּסוֹף הַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת...

[כו] עי' ליקוטי הלכות הל' גביית חוב מהלקוחות ואפותיקי הלכה ה'.

[כז] עי' זוה"ק פרשת נשא דף קכ"ח ע"א, ועי' ליקוטי הלכות הל' נזיקין ד' אות י"א ול"ב, ועוד.

[כח] עי' קונטרס טעם זקנים י' - פרשת ויקרא תשל"ד.

*

אין די אהבה איז "התפשטות", דער רבי זאגט דאך אין ערשטן חלק,[כט] "טוב וחסד" דאס איז די זאך פון "דוד ושאול", דוד איז געווען חסד, און שאול איז געווען טוב, טוב - זאגט דער זוהר, "טוביה גנוז בגויה, חסד דאתפשט לבר", שאול האט געהאלטן אין זיך, און דוד האט ארויסגעגעבן פאר אנדערע! דער רבי ברענגט אין די תורה - צום סוף פון דעם ערשטן חלק, טוב איז "טוביה גנוז בגויה, חסד דאתפשט לבר", די מדריגה פון דוד המלך!

ס'איז דא צוויי צדיקים,ביידע פון איין שורש, פונדעסטוועגן איז דא צווישן זיי מחלוקת, ווייל איינער איז משנה די מדה, עס שטייט "**אך טוב וחסד ירדפני**", שטייט אין זוהר הק' "**היינו טוב היינו חסד**"?! "**אלא טוב איז טוביה כליל בגוה**" - די טוב איז אין איהם, "**חסד דאתפשט לבר**" - עס גייט ארויס אינדרויסן!

ס'איז דא צוויי צדיקים, ביידע פון איין שורש, און דער איז א בחינת "טוב", ער האלט דאס טוב נאר אין זיך, ער איז נישט מגלה תורתו לאחרים, והשני איז א "**בחינת חסד דאתפשט לבר שמגלה תורה לאחרים שזהו בחינת חסד**", בחינת "**ותורת חסד על לשונה**" - זאגט די גמרא - "**הלומד על מנת ללמדה**".

דאס איז די מחלוקת וואס איז געווען "**בין שאול ודוד, ששניהם היו צדיקים גדולים**",[ל] אף על פי כן איז געווען צווישן זיי מחלוקת, ווארום די בחינה, ווייל דער איז געווען א בחינת "טוב" - שאול איז געווען א בחינת טוב, ער האט געהאלטן דעם

---

[כט] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' רפ"ג: ... כִּי כְּתִיב: "אַךְ טוֹב וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי". וְאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ: 'הַיְנוּ טוֹב הַיְנוּ חֶסֶד, אֶלָּא טוֹב טוּבֵהּ כְּלִיל בְּגַוֵּהּ. חֶסֶד דְּאִתְפַּשַּׁט לְבַר', וְזֶה בְּחִינַת שְׁנֵי צַדִּיקִים שֶׁשְּׁנֵיהֶם מִשֹּׁרֶשׁ אֶחָד, רַק שֶׁזֶּה בְּחִינַת טוֹב 'שֶׁטּוּבֵהּ כְּלִיל בְּגַוֵּהּ'. דְּהַיְנוּ שֶׁאֵינוֹ מְגַלֶּה תּוֹרָתוֹ לַאֲחֵרִים, וְהַשֵּׁנִי הוּא בְּחִינַת חֶסֶד דְּאִתְפַּשַּׁט לְבַר, שֶׁמְּגַלֶּה תּוֹרָתוֹ לַאֲחֵרִים, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת חֶסֶד בְּחִינַת: "וְתוֹרַת חֶסֶד עַל לְשׁוֹנָהּ" (עַיֵּן סֻכָּה מט:)...

[ל] ליקוטי מוהר"ן שם: ... וְזֶה בְּחִינַת הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁהָיָה בֵּין שָׁאוּל וְדָוִד, שֶׁשְּׁנֵיהֶם הָיוּ צַדִּיקִים גְּדוֹלִים, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן הָיָה בֵּינֵיהֶם מַחֲלֹקֶת, הַיְנוּ מֵחֲמַת בְּחִינוֹת הַנַּ"ל, כִּי זֶה הָיָה בְּחִינַת טוֹב, וְזֶה הָיָה בְּחִינַת חֶסֶד, כִּי אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עֵרוּבִין נג): 'דָּוִד דְּגָלֵי מַסֶּכְתָּא' כְּתִיב בֵּהּ: "יְרֵאֶיךָ יִרְאוּנִי וְיִשְׂמָחוּ", 'שָׁאוּל דְּלָא גָּלֵי מַסֶּכְתָּא' כְּתִיב בֵּהּ: "אֶל כָּל אֲשֶׁר יִפְנֶה יַרְשִׁיעַ", הַיְנוּ כַּנַּ"ל. כִּי 'שָׁאוּל דְּלָא גָּלֵי מַסֶּכְתָּא', זֶהוּ בְּחִינַת טוֹב. 'דְּטוּבֵהּ גָּנִיז בְּגַוֵּהּ'. אֲבָל דָּוִד דְּגָלֵי מַסֶּכְתָּא, שֶׁהָיָה מְלַמֵּד תּוֹרָתוֹ לָרַבִּים, זֶהוּ בְּחִינַת חֶסֶד דְּאִתְפַּשַּׁט לְבַר, בְּחִינַת "וְתוֹרַת חֶסֶד עַל לְשׁוֹנָהּ"...

טוב אין זיך, און דוד איז געווען א בחינת חסד, "כי אמרו רבותינו ז"ל דוד דגלי מסכתא כתיב ביה יראוך יראוני וישמחו, שאול דלא גלי מסכתא כתיב ביה אל כל אשר יפנה ירשיע", "שאול דלא גלי מסכתא" דאס איז "טוב", באהאלטן אין זיך דאס טוב, און "דוד דגלי מסכתא" דאס איז "חסד דאתפשט לבר"!

דאס האט דער רבי געוואלט, "חסד" זאל זיין! חסד! און דיביידע - "טוב וחסד" איז דא צווישן זיי רדיפות![לא]

דארף זיין "חסד", אז מען האט עפעס א גוטע זאך זאל מען רעדן מיט יענעם!

*

עס שטייט טאקע אין זוהר פון לך לך צום סוף,[לב] רבי אבא איז געווען דארט ביי "כפר טרשא", א גאנצע מעשה, דריי טאג האט ער איינגעהאלטן, ער האט נישט מודיע געווען רבי שמעון'ען די חידושים וואס ער האט דארטן געהערט, נאכדעם האט ער געזאגט רבי שמעון'ען, (אמר לו ר' שמעון): "האסט עובר געווען אויף אל תמנע טוב מבעליו, דו האסט נישט מודיע געווען רבי שמעון'ען די זאכן"! האט איהם רבי שמעון געשאלטן - דאכט זיך עפעס אז "פערציג טעג זאלסטו לערנען און זאלסט פארגעסן, דו זאלסט זיך מאטערן און זאלסט פארגעסן"! "תלעי ותנשי" - "מאטער זיך און פארגעס"! פארוואס, ווייל דו האסט איינגעהאלטן אין זיך!

זעהען מיר, "האסט אין זיך א טוב? געב ארויס פאר יענעם! האלט נישט אין זיך"!

*

דער ענין פון "אהבה" איז א געוואלדיגע זאך! דערפאר האט רבי שמעון אזוי מצליח געווען אין זיין זאך - וויבאלד ס'איז א געוואלדיגע אהבה געווען צווישן זיינע מענטשן!

---

[לא] עי' ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ד' אות ט"ז; ... זֶהוּ בְּחִינַת כְּלַל הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁבְּכָל דּוֹר עַל הַצַּדִּיקִים הַשְּׁלֵמִים הָעוֹסְקִים לְקַבֵּל נְפָשׁוֹת הָרְחוֹקִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁרַבִּים מְאֹד קָמִים עֲלֵיהֶם, וְגַם רַבִּים מִגְּדוֹלֵי הַצַּדִּיקִים חוֹלְקִים עֲלֵיהֶם ...

[לב] עי' שם דף צ"ו ע"א.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, אז אונז - ווען ס'זאל זיין אהבה וואלטן מיר פונעם רבי'ן אסאך גענומען![לג]

דער צדיק וויל ארויסגעבן אסאך, נאר אויב ס'איז דא אהבה צווישן זיינע מענטשן, קיינער זאל נישט האבן קיין שום טינא אויפ'ן צווייטן, אז ער זעהט ביי יענעם עפעס א זאך, זאל ער בעהטן דעם אויבערשטן, "ער וויל מיט איהם רעדן - יענער זאל נישט מיינען אז איך מיין עפעס זיין שלעכטס"!

א גאנצע לימוד פון הלכות ליגט דארטן, פון חברים, אז איך זעה ביי יענעם עפעס א זאך - ס'איז נישט כהוגן, איך דארף איהם זאגן, על פי תורה דארף איך איהם זאגן, דארף איך בעהטן דעם אויבערשטן ווי אזוי איך זאל איהם זאגן, ס'זאל נישט אויסקומען חלילה יענער זאל מיינען איך מיין עפעס שלעכטס!

*

# 'כי לא תשכח מפי זרעו'

(השואל: וואס האט ר' נתן געזאגט פאר'ן רבי'ן ווען דער רבי האט געזאגט "כי לא תשכח מפי זרעו"?),[לד] אז דער רבי האט געענדיגט די זאך, האט זיך אנגערופן ר' נתן, "רבי שמעון קער זייער וואויל הנאה טוהן, **איר האט איהם אזוי וואויל געפונען!** (ענה רבינו): "רבי שמעון אליין - ע'יר ו'קדיש מ'ן ש'מיא נ'חית" איז געווארן דער אויספיר.

(השואל: וואס האט דער רבי געמיינט ספעציעל די לשון רבי שמעון "אליין"?), דארטן שטייט דאך נאר "יוחאי", ס'שטייט דאך אין די תורה "יוחאי", "כי לא תשכח מפי זרעו" - סופי תיבות "יוחאי", אבער רבי "שמעון אליין" איז אין א אנדערע פסוק מרומז, דער נאמען פון ר' שמעונ'ען איז מרומז אין א אנדערע פסוק!

*

(חוזר על הסיפור דלעיל מהזוה"ק) - ווייל א תלמיד ביי ר' שמעון האט איינגעהאלטן דריי טאג, נישט ארויסגעגעבן וואס ער האט געהערט פון "כפר טרשא", האט רבי שמעון איהם געשאלטן "תלעי ותנשי", דו זאלסט אויך פארגעסן! דו האסט איינגעהאלטן

---

[לג] עי' ליקוטי הלכות הל' נזיקין ד' אות י"א והלאה, ועוד.

[לד] עי' ריש ליקוטי מוהר"ן תו' "לכו חזו", וחיי מוהר"ן אות קפ"ט.

אין זיך א זמן, און נישט ארויסגעגעבן וואס דו האסט געהערט, דו האסט עובר געווען אויף "אל תמנע טוב מבעליו"?!

רבי שמעון איז געווען – דו האסט א זאך, גיב ארויס, יענער איז געווען פון די חברים געווען!

*

און דער ענין פון אהבה, אפילו יענער איז נישט אזוי - (אינו גדול במעלה כ"כ), די אהבה גיבט עפעס אריין - ס'איז אזא מין תוספות אור, ס'ווערט נתפשט דער אור ווען ס'פילט אהבה, אפילו מיט די קליינע מענטשעלעך קען מען אויפטוען געוואלדיגע זאך!

ס'איז א געוואלדיגע יסוד פונעם רבי'נס זאך, מען זאל זיך ליב האבן, נישט חלילה קיין (טינא בלב) איינער אויפ'ן צווייטן, דעמאלטס דאוועננט זיך אנדערש, ס'לערנט זיך אנדערש, און בכלל...

*

## 'כתות כתות'...

(אחד הנוכחים: "כיתות כיתות" האט דער רבי געזאגט),[לה] "כיתות כיתות"?! האסט שוין צו פרעגן א קשיא "כיתות כיתות"?! (הנ"ל: אחד שאל מר' מרדכי סאקאלאווער, "כיתות כיתות", זאגט ער: "אין ווארשע זאגט מען התבודדות, דא זאגט מען חוץ לישוב, דא זאגט מען תפילה בכח, דא זאגט מען וכו', דאס איז כיתות כיתות"!)

ס'איז געווען טאקע אזוי! דעם רבי'נס תלמידים אליין, זיי האבן אלע געזויגן פון איין שורש, ר' יודל איז געגאנגען מיט אן אנדערע וועג, ר' שמואל אייזיק - אן אנדערע וועג, זיי זענען אלע געגאנגען פון איין שורש, פון צדיק גייט ארויס צווייגן, און יעדער נעמט זיך אן אנדערע וועג, נאר וואס דען - ס'איז אלס פון איין שורש!

און וויבאלד ס'איז אזוי, מוזן זיי דאך ליב האבן, ס'גייט דאך ארויס פון איין שורש, דער שורש איז דאך איינע, נאר וואס דען - די צווייגן ווערן צושפרייט, און ס'גייט ארויס אנדערע סארטן פירות, אבער אלס פון איין שורש! מען קען דאך נישט זאגן אז

[לה] עי' חיי מוהר"ן אות שי"ט: אָמַר לְאֶחָד, אֲנִי אֶעֱשֶׂה מִכֶּם כִּתּוֹת כִּתּוֹת.

די פרי טויג נישט, די פרי - צו מיין פרי איז בעסער, ס'קען נישט זיין אין דער וועלט, ס'איז איין שורש, דעמאלטס ווייל ס'איז אזוי איז טאקע אלעם איינס!

דער שרייעט ביים דאווענען, דער דאווענט שטיל, דער איז מאריך, דער איז מקצר, איינער וועט נישט זאגן "מיין שרייען איז בעסער ווי זיין שוויגן", דער וואס שווייגט ווייטער - וועט נישט זאגן, "פארוואס שרייעסטו"?! דער וואס שרייעט וועט נישט זאגן "פארוואס שוויגסטו"?![לו]

נאר בדרך אהבה, אז מען רעדט בידידות, קען מען רעדן איינער מיט'ן צווייטן, נישט "פארוואס"?! "פארוואס"?! קיין "פארוואס" איז נישטא!

מען רעדט אזוי ווי "מען דארף זיין", דער "פארוואס" הייסט שוין אזוי ווי מ'זאגט מוסר!

"האט איר אמאל געהערט פון מיר א דבר מוסר"?! (כך אמר רבינו),[לז] "פארוואס" - הייסט שוין אזוי ווי איך זאג מוסר! קיין מוסר זאגט מען נישט! מען רעדט פונעם תכלית![לח]

"תוכחה" וואס עס שטייט אין די תורה, וואס דער רבי האט געזאגט, **"אף על פי שתוכחה הוא דבר גדול, אף על פי כן לאו כל אדם ראוי להוכיח"**, "תמה

---

[לו] עי' ליקוטי הלכות הל' שומר שכר ב' אות י': וּכְמוֹ שֶׁהֶאֱרִיךְ רַבֵּנוּ ז"ל לְסַפֵּר וּלְהַפְלִיג בְּגֹדֶל הַחִלּוּקִים בֵּין הַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים שֶׁהָיוּ סְמוּכִים לִזְמַנֵּנוּ, שֶׁכֻּלָּם הֵם מִתַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב וְהַמַּגִּיד זְצוּקַ"ל, וְהָיָה שָׁלוֹם גָּדוֹל בֵּינֵיהֶם, וְאַף עַל פִּי כֵן הָיוּ מְחֻלָּקִים מְאֹד בִּדְרָכֵיהֶם, שֶׁזֶּה הָיָה נוֹסֵעַ עַל הַמְּדִינָה וְדָרַשׁ בָּרַבִּים, וְזֶה יָשַׁב בְּבֵיתוֹ, זֶה הֶאֱרִיךְ מְאֹד בַּתְּפִלָּה וְהִתְפַּלֵּל לִפְנֵי הַתֵּבָה בִּצְעָקוֹת וְהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְזֶה הִתְפַּלֵּל בְּלַחַשׁ עִם הַצִּבּוּר כְּדֶרֶךְ הֶהָמוֹן, וְזֶה הִרְבָּה בַּתּוֹרָה יוֹתֵר, וְזֶה הִרְבָּה בִּצְדָקוֹת וּפִדְיוֹן שְׁבוּיִים, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה שִׁנּוּיִים רַבִּים לְאֵין מִסְפָּר, אַף עַל פִּי שֶׁכֻּלָּם יָנְקוּ מֵרַב אֶחָד, כִּי אִי אֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם שָׁוִין, כִּי כָּל אֶחָד עוֹבֵד אֶת ה' כְּפִי מִדָּתוֹ וּכְפִי שֹׁרֶשׁ נִשְׁמָתוֹ, וְזֶה עִקַּר שַׁעֲשׁוּעָיו יִתְבָּרַךְ. ועי' גם ליקוטי הלכות הל' נזקי שכנים ה' אות ב'.

[לז] עי' שיחות הר"ן אות קכ"ד.

[לח] עי' ליקוטי עצות ערך תוכחה אות כ'; ... כִּי לְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם, לְדַבֵּר אֶחָד עִם חֲבֵרוֹ בְּכָל יוֹם מֵהַתַּכְלִית וּמַה יִּהְיֶה הַסּוֹף מֵאִתָּנוּ וְכוּ', זֶה צָרִיךְ בְּוַדַּאי כָּל אָדָם לְקַיֵּם אֲפִלּוּ אָדָם פָּשׁוּט לְגַמְרֵי כַּנַּ"ל, אֲבָל תּוֹכָחָה שֶׁהִזְהִיר כָּאן הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי, כִּי הוּא כְּשֶׁמּוֹכִיחַ אֶת הָאָדָם וּמַזְכִּיר לוֹ עֲווֹנוֹתָיו, שֶׁאוֹמֵר לוֹ, לָמָּה עָשִׂיתָ עֲבֵרָה פְּלוֹנִית אוֹ מַעֲשֶׂה הָרָעָה הַזֹּאת ח"ו, וְזֶה צָרִיךְ הָאָדָם לִזָּהֵר שֶׁלֹּא לְהַזְכִּיר מַעֲשִׂים רָעִים שֶׁלָּהֶם, כִּי יָכוֹל לְהַחֲלִישׁ נִשְׁמָתָם עַל־יְדֵי זֶה, עַל־יְדֵי שֶׁמְּעוֹרֵר הָרֵיחַ רַע, עַל־יְדֵי שֶׁמַּזְכִּיר עֲווֹנוֹתֵיהֶם...

**אני"** וכו'.[לט] מיינט אויך אזוי, דער תוכחה דארף זיין אויף דעם אופן, בדרך אהבה, "תוכחה מגולה מאהבה מוסתרת", יענער זאל דאס פילן אז דער מוכיח איז זיינער א ליבהאבער, זיינער א גוטע פריינד, יענער זאל דאס פילן! אז יענער פילט דאס, דאס איז די תוכחה וואס דער אויבערשטער וויל!

דורך תוכחה שאינה כראוי מאכט ער א "ריח רע", אזוי ווי א קופה מיסט, אז מען צעווישט צעווארפט עס, ווערט א ריח רע פון די מיסט!

*

## 'גדולים צדיקים במיתתן'

(השואל: ווי ס'ווייזט אויס האט רבי נתן בחיי רבינו כמעט נישט מקרב געווען), **בחייו כמעט אז נישט.**

(אחד הנוכחים: מען האט פריער געשמועסט אז ער האט נאך נישט מגלה געווען דעם רבי'נס כח), **יא יא, נאר בשעת דער רבי לעבט אליין, צוליב מורא רבך קען ער נישט רעדן פון רבי'ן אליין, דער רבי אליין איז דא!**

דאס איז געווען ביי משה רבינו מיט יהושע, און דאס איז געוועזן אפילו ביים אר"י הקדוש מיט ר' חיים וויטאל, און ביים בעל שם הק' מיטן מעזריטש'ן מגיד, בשעת דער רבי לעבט קען ער נישט ארויסווייזן דעם רבי'נס גרויסקייט![מ]

(השואל: אפשר אויך צוליב ווייל ער האט געזוכט וואס מער ארויסנעמען פון רבי'ן נאך מער, ער האט געזוכט וואס נאך מקבל זיין פון רבי'ן כל זמן דער רבי לעבט?), **זאל זיין אזוי, סיי ווי אזוי, בשעת חיי רבינו האט דער תלמיד נישט געקענט ארויסווייזן, זאל זיין ווייל ער זוכט צו נעמען פונעם רבי'ן, אבער סיי ווי האט ער נישט געקענט ארויסרעדן פון רבי'נס גרויסקייט, ווייל דער רבי איז דא, זאל זיין איבער דעם טעם - ווייל ער וויל זוכן אין דעם צייט פונעם רבי'ן, ער וויל זוכן נאך פונעם רבי'ן, אבער דערווייל קען ער נישט ארויסווייזן!**

נאך א זאך - אפילו לאחר הסתלקות פונעם רבי'ן, און דער תלמיד ווייזט שוין ארויס, דעמאלטס זוכט ער דאך אויך דעם רבי'ן,[מא] דער רבי איז דאך א "נחל

---

[לט] עי' תו' ח' תניינא אות א'.

[מ] עי' קונטרס טעם זקנים מ' - פרשת אמור תשל"ד.

[מא] עי' ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה' אות י"ב.

הנובע", אויב ער וועט ארויסרעדן און נישט זוכן מער, וועט ער נישט האבן וואס צו רעדן, ס'וועט זיך ענדיגען זיין רעדן, מוז ער דאך זוכן און זוכן - און רעדן, און אז מען זוכט געפונט מען נייעס! ס'איז א קוואל, א קוואל!

ווען רבי נתן זאל ווען אויפהערן זוכן דעם רבי'ן לאחר הסתלקותו, וואלט ער נישט געקענט מאכן אזוי פיל ליקוטי הלכות'ער, אזוי פיל רעדן און מקרב זיין מענטשן צום אויבערשטן, ער האט גערעדט און שוין געזוכט - איז שוין געווארן נייעס!


ברכת מזל טוב

למוה"ר **מאיר רויזנבוים** הי"ו

ירושלים עיה"ק יצ"ו

לרגל השמחה הגדולה אשר במעונו

**בהולדת בתו למזל טוב**

ברוב רחמיו וחסדיו יתברך שמו

**נדבת חבריו וידידיו הע"י**